# סצענע 8 ב'
# Escena 8 B

## רייזל בײַם אויגן-דאָקטער
## Reizl va al oftalmólogo

גאָלדע - אוי רייזל, זע נאָר, גיב אַ קוק !
רייזל - וואָס איז, מאַמע ?
גאָלדע - זע נאָר רייזל, וואָס פֿאַר אַ לאַנגע ריי...
מיט ברילן, מיט ברילן, אָן ברילן, מיט ברילן,
אָן ברילן און מיט שיינע אויגן, מיט ברילן...
רייזל - מאַמע, וואָס איז מיט דיר ? אויף וואָס קוקסטו ?
גאָלדע - רייזל, דאָ איז ד"ר וויִעסלאַנג אָפֿיס. זע וויפֿל מענטשן וואַרטן אויף אים אין דער ריי.. לאָמיר אַרײַנגיין.

קראַנקן-שוועסטער, איר קענט מעלדן ד"ר וויִעסלאַנג אַז פֿרוי גרינשטיין און איר טאָכטער זײַנען דאָ ?
ק"ש. - פֿרוי גרינשטיין, איר וועט דאַרפֿן וואַרטן אויף אײַער ריי.
גאָלדע - גוט, גוט... מיר זיצן און מיר וואַרטן.
ק"ש. - פֿרוי גרינשטיין, גייט אַרײַן.
גאָלדע - ד"ר וויִעסלאַנג, וואָס מאַכט איר ?
ד"ר - אַאַאַ, זייער גוט, פֿרוי גרינשטיין. קיין עין- הרע, מיט אַ סך אַרבעט. וואָס מאַכסטו רייזעלע ?
רייזל - גוט, ד"ר וויִעסלאַנג. מײַנע אויגן און מײַנע ברילן זײַנען פֿײַן.
גאָלדע - ד"ר וויִעסלאַנג, איך מיין אַז די צײַט איז שוין געקומען...
ד"ר - ממ... לאָמיר זען... רייזל, זעץ זיך אַוועק אויפֿן בענקל. גיב מיר דײַנע ברילן. מממ... אַהאַ... גוט, גוט. וועלכע אותיות זעסטו דאָ ?
רייזל - ד"ר וויִעסלאַנג, איך קען ניט זען קיין אותיות... איך זע בלויז פּאַסן...
ד"ר - און איצט ?

רייזל - איצט זע איך אַלעף, לאַמעד, שין...

ד"ר - וואָס נאָך זעסטו ?

רייזל - איך זע אַ קוף, אַ יוד...

ד"ר - דייַנע וויִעס זייַנען לאַנג... דייַנע ברעמען זייַנען זייער צוגעפּאַסט צו דייַנע אויגן. זייער גוט. עס איז שוין צייַט.

רייזל - צייַט צו וואָס דאָקטער ?

ד"ר - צייַט פּטור צו ווערן פֿון דייַנע ברילן, און אָנהייבן טראָגן קאָנטאַקטלינדזן.

רייזל - קאָנטאַקטלינדזן ??

ד"ר - יאָ, און דו קענסט אַפֿילו אויסקלייַבן אַ קאָליר: בלויע, גרינע, שוואַרצע, ברוינע...

רייזל - "אַזאַ יאָר אויף מייַנע שונאים", מאַמע. מיר זייַנען שוין געווען אין שיינקייַט זאַל, בייַם צייַנדאָקטער... וואָס נאָך ווילסטו פֿון מיר ??? מיר זאָלן גיין צום אָרטאָפּעד, צום גאַסטראָענטעראָלאָג...

גאָלדע - שאַ, שאַ, רייזעלע... זייַ נישט אין כּעס... עס פֿעלט אונדז בלויז דעם האַרץ-דאָקטער !